# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**4:27**
מוצאי שב"ק......................**5:55**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............................עמוס ו'-ז'
בבלי.........................חולין ל"ט
ירושלמי..................כלאים ט"ו
תוספתא...............פרה פרק ט'
רמב"ם...........ביאת המקדש ח'

פרשת וארא, כ"ח טבת, מברכים חודש שבט, שנת תשע"ט לפ"ק
*שנה 8, גליון 17 (377)*


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְשַׂמְתִּי פְדֻת בֵּין עַמִּי וּבֵין עַמֶּךָ לְמָחָר יִהְיֶה הָאֹת הַזֶּה**, דֶער בַּעַל הַטּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ מְסוֹרָה, נָאךְ צְוֵויי פְּלֶעצֶער וואו עֶס שְׁטֵייט דֶער וָוארְט **"פְּדוּת"**, **פְּדוּת שָׁלַח לְעַמּוֹ** (תְּהִלִּים קי"ד), **וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת** (תְּהִלִּים ק"ל).

מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן כ"ח) **אַז זֶענֶען** אִיז דָא אַסאךְ סָארְט תּוֹרוֹת; עֶס זֶענֶען דָא תּוֹרוֹת וָואס מֶען מֶעג שְׁרַייבְּן, אוּן עֶס זֶענֶען דָא תּוֹרוֹת וָואס מֶען טָאר נִישְׁט שְׁרַייבְּן, אוּן וֶוער עֶס וֵוייסְט דִי חִילוּק וֶועלְכֶע תּוֹרָה מֶען מֶעג שְׁרַייבְּן, עֶר קֶען דֶערְקֶענֶען אַ אִיד פוּן צְוִוישְׁן גוֹיִם.

אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: (מוּבָא בְּתוֹסְפוֹת גִיטִין ס: ד"ה אתמוה) "פַּארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה אוֹיסֶעוֶוייניג, אַז דִי גוֹיִם זָאלְן עֶס נִישְׁט קֶענֶען נֶעמֶען פַאר זִיךְ", זֶעט מֶען אַז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, וָואס מֶען הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, מִיט דֶעם אִיז דֶער אִיד הֶעכֶער פוּנֶעם גוֹי.

מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מֶער מַסְבִּיר אַז דִי עִיקָר חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, וַוייל פוּן דִי תּוֹרָה אַלֵיין קֶען מֶען גָארְנִישְׁט וִויסְן, וִוי לְמָשָׁל דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילִין, קֶען מֶען פוּן דִי תּוֹרָה אַלֵיין נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין, נָאר דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וָואס הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וִוי אַזוֹי עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז דִי תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר בַּאפְלַייסְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, וָואס דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיּוֹת, גְּמָרָא, פּוֹסְקִים אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל דַארְף אַ אִיד לֶערְנֶען אַסאךְ מִשְׁנַיּוֹת, וָואס דָאס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, "**מִשְׁנָה**" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "**נְשָׁמָה**", וִוי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶס גֶעלְט וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מ"ג) "**כֶּסֶף מִשְׁנֶה**", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זָאגְט אַז "**מִשְׁנָה**" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "**פַּרְנָסָה**", עֶס בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (וַיִּקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה ז' סִימָן ג') דִי אִידְן וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת נָאר אִין זְכוּת פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְשַׂמְתִּי פְדֻת בֵּין עַמִּי וּבֵין עַמֶּךָ**, זָאגְט רַשִׁ"י, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן אַן אָפְּשֵׁיידוּנְג צְוִוישְׁן דִי אִידְן אוּן דִי גוֹיִם, וָואס דָאס וֶוערְט דָאךְ דוּרְךְ תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה, אָבֶּער דֶער וָוארְט "**פְדֻת**" שְׁטֵייט דָא אָן דֶעם אוֹת ו', דֶער אוֹת ו' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מִשְׁנַיּוֹת, וָואס אִיז שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; הַיינְטִיגֶע צַייטְן פֶעלְט נָאךְ דֶער אוֹת ו', וַוייל הַיינְט קוּקְט מֶען נָאךְ אַרָאפּ אֵיינֶעם וָואס לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת. דֶער פָּסוּק זָאגְט אָבֶּער, **לְמָחָר יִהְיֶה הָאֹת הַזֶּה**, בַּאלְד, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶועט שׁוֹין זַיין דֶער אוֹת ו', וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט נָאר קוּמֶען אִין זְכוּת פוּן מִשְׁנַיּוֹת, אוּן דַאן וֶועט מֶען שׁוֹין אַרוֹיפְקוּקְן אוּן מַחְשִׁיב זַיין דָאס לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת.

אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין זַיין דִי אַנְדֶערֶע צְוֵויי פְּסוּקִים, **פְּדוּת שָׁלַח לְעַמּוֹ, וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיסְלֵייזְן דִי אִידְן, וַוייל מֶען וֶועט לֶערְנֶען אַסאךְ מִשְׁנַיּוֹת, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֵייט דָארְט "פְּדוּת" מִיט דֶעם אוֹת ו'.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וָאֵרָא תשמ"ט)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ו, ט) "וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבוֹדָה קָשָׁה", אַז דִי סִיבָּה פַּארְוָואס מֶענְטְשְׁן הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּם צַדִּיק, אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין רִיכְטִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט טַאקֶע אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן שְׁטֶערְקְסְטֶער אוּן נָאר עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, גְלֵייבְּט אָבֶּער נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב, אוּן דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ זֵייעֶר וַוייט אוֹיבְּן אִין הִימְל, אוּן אוֹיבּ וִויל מֶען וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוּז מֶען טוּן עֶפֶּעס גָאר סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאכְן, מֶען מוּז זִיךְ אוֹיסְפַּייִנִיגְן דֶעם גוּף, אוּן פַאסְטְן, אוּן טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן נָאר דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַנָאָה הָאבְּן פוּן אִים. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר וֶועט נָאר טוּן פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוּמְקוּקְן אוֹיף אִים.

דָאס אִיז אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דָאס אִיז אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר טוֹב אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע זַאכְן, אִיז עֶס אָבֶּער בֶּאֱמֶת נָאר אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע. וַוייל רוֹב מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט טוּן קַיין שְׁוֶוערֶע

<<<<<<

## א גוט ווארט

דוּרְךְ מִקְוֶה אִיז מֶען זוֹכֶה אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב): "עַל-יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה", דוּרְךְ מִקְוֶה וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע צָרוֹת אוּן עֶס קוּמְט דִי יְשׁוּעָה.

אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוער עֶס גֵייט אִין מִקְוֶה אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "'מִקְוֶה' אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן 'תִּקְוָה' - אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה הָאט מֶען אַ תִּקְוָה אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן".

(עצתו אמונה. פ' וארא תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## מַיין שְׁוֶוער מַאכְט קַאלְיֶע די קִינְדֶער מִיט זַיין סְמַארְט פָאוֹן, וָואס טוּט מֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר די שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, אִיךְ בִּין הַיינְט ב"ה אַן אַנְדֶער מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן, אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אִיךְ גֵיי יֶעצְט עֶנְדִיגְן תַּנַ"ךְ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין לֶעבְּן, אוּן אִין די אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ ב"ה אוֹיךְ זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וֶועגְן מַיין שְׁוֶוער. עֶר קוּמְט צוּ מִיר אַהֵיים אוּן עֶר וַוייזְט פַאר די קִינְדֶער קְלִיפְּס אוֹיף זַיין אֵייפָאוֹן. אִיךְ פְּרוּבִיר אִים צוּ זָאגְן אַז בַּיי אוּנְז קוּקְט מֶען נִישְׁט אִין די זַאכְן, אָבֶער עֶר זָאגְט אַז אַבִּיסְל מֶעג מֶען יָא, אוּן אַז מְ'דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען די קִינְדֶער וָואס מְ'מֶעג זֶען אוּן וָואס מְ'טָאר נִישְׁט זֶען.

ווִידֶער אִיז עֶר אַ בִּיזְנֶעס מַאן, עֶר פָארְט אַסַאךְ אִיבֶער די וֶועלְט, אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט אַלְץ אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען צוּ אִים. אוּן דֶעריבֶּער זָאגְט עֶר אוּנְז אַלְץ אַז מִיר זָאלְן אַרַיינְנֶעמֶען די כֵּלִים אִינְדֶערְהֵיים כְּדֵי צוּ קֶענֶען הַאלְטְן קֶשֶׁר מִיט אִים.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר אַ שְׁאֵלָה וָואס צוּ טוּן וֶוען עֶר אִיז בַּיי אוּנְז אוֹיף שַׁבָּת, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט אוֹיב מִיר קֶענֶען יוֹצֵא זַיין קִידוּשׁ פוּן אִים, צִי מְ'מֶעג טְרִינְקֶען פוּן זַיין וַויין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער לְגַבֵּי אַנְדֶערֶע הֲלָכוֹת, וָואס אִיז זַיין דִין?

אוֹיךְ מַאכְט זִיךְ אַז עֶר רֶעדְט אַמָאל זַאכְן וָואס מְ'רֶעדְט נִישְׁט אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן הַדְרָכָה וָואס צוּ טוּן אוּן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. בִּיז יֶעצְט הָאב אִיךְ גֶעהַאט נָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אָבֶער יֶעצְט הוֹיבְּן זֵיי שׁוֹין אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַבִּיסְל, אוּן מִיר מוּזְן ווִיסְן וָואס זֵיי צוּ זָאגְן, אוּן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט זֵיי.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.**

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וֶוער עֶס נֶעמְט אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אִיז זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְטַיֵּל זַיין בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוּן צוּ זַיין דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיף דַיינֶע פְרַאגֶעס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן עַל רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן וְעַל אַחֲרוֹן אַחֲרוֹן:

א) ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער רֶבִּי גִיבְּט אוּנְז אַ וֶועג צוּ קֶענֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג אוּן אִין די זֶעלְבֶּע צַייט אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין די עֶלְטֶערְן אֲפִילוּ זֵיי פִירְן זִיךְ אַנְדֶערְשׁ וְכוּ'.

בְּנוֹגֵעַ אֵייעֶר שְׁוֶוער וָואס עֶר קוּמְט אִין שְׁטוּבּ אוּן וַוייזְט פַאר די קִינְדֶער קְלִיפְּס וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע מִצְוָה אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף די כָּבוֹד פוּן עֶלְטֶערְן. דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (פֶּרֶק ה' מֵהִלְכוֹת מַמְרִים, הֲלָכָה טו): "כָּל הַמְבַזֶּה אָבִיו אוֹ אִמּוֹ אֲפִילוּ בִּדְבָרִים וַאֲפִלּוּ בִּרְמִיזָה - הֲרֵי זֶה אָרוּר מִפִּי הַגְּבוּרָה", אוֹיבּ מֶען פַארְשֶׁעמְט עֶלְטֶערְן אֲפִילוּ נָאר מִיט וֶוערְטֶער, אָדֶער אֲפִילוּ נָאר בִּרְמִיזָה - אִיז מֶען שׁוֹין פַארְשָׁאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶעריבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט עֶלְטֶערְן צוּ רֶעדְן צוּ זֵיי בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן הַכְנָעָה.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ נֶעמְסְט נִישְׁט אַרַיין אִין דַיין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם סָארְט כֵּלִי וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן נֶעמֶען נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אוּן דוּ

<<<<<<

>>>>>>

אוּן גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן אַזוֹי ווִי דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט אִים אַיין אַז די פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דָאס נִישְׁט הָאבְּן; מִיט דֶעם וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר בַּאשְׁלִיסְט אַז עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט קַיין וֶועג צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר גֶעבְּט אַלֶעס אוֹיף.

דֶער צַדִיק לֶערְנְט אָבֶער אוֹיס פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַז דַוְקָא די פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דָאס וָואס זֶעט אוֹיס אִין די אוֹיגְן פוּן מֶענְטְשְׁן ווִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דַוְקָא דָאס בְּרֶענְגְט אַ אִיד נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען אַ אִיד זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט די פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט סַיי ווִי יֶעדְן טָאג, וֶועט דָאס אִים בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד כַאפְּט נִישְׁט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט בְּלוֹיז טוּן די פָּשׁוּטֶע הֲלָכוֹת פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶר וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערפְרִי אוּן זִיךְ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער, עֶר וֶועט קַיין דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן, עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, עֶר וֶועט הַאנְדְלֶען עֶרְלִיךְ אוּן נִישְׁט אוֹיסְנַארְן קַיין מֶענְטְשְׁן; די אַלֶע זַאכְן וָואס יֶעדֶער פָּשׁוּטֶער אִיד טוּט, דַוְקָא דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן די פָּשׁוּטֶע זַאכְן וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן בַּיי אִים פַאר אֵייבִּיג, וַוייל דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג מְקַיֵּים זַיין. ווִידֶערְאוּם די שְׁוֶוערֶע אוּן גְרוֹיסֶע זַאכְן, דָאס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן, וַוייל דָאס זֶענֶען נִישְׁט זַאכְן וָואס קֶענֶען אָנְהַאלְטְן פַאר אַ לֶענְגֶערֶע צַייט.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד:) אַז אֵיינֶער וָואס שְׁרֵייט הוֹיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אִיז אַ סִימָן אַז זַיין אֱמוּנָה אִיז שְׁוַואךְ. וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס שְׁרַייט הוֹיךְ, מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי וַוייט הוֹיךְ אִין הִימְל, אַז נָאר אוֹיבּ מֶען וֶועט זֵייעֶר הוֹיךְ שְׁרַייעֶן וֶועט עֶר הֶערְן. עֶר כַאפְּט אָבֶער נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט הַארְט נֶעבְּן אִים, אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דָאס וֶוערְט גֶעזָאגְט זֵייעֶר שְׁטִיל.

חַזַ"ל זָאגְן אַז וֶוער עֶס עֶנְטְפֶערְט הוֹיךְ "אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא" צוּרַייסְט מֶען אִים די גְזַר דִין פוּן זִיבֶּעצִיג יָאר. זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי אַזַא קְלֵיינִיקַייט ווִי עֶנְטְפֶערְן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא הָאט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ צוּ רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשְׁ'ס לֶעבְּן פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת.

די זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ כַּשְׁרוּת. עֶס אִיז בָּ"הַ הַיינְט דָא צוּ בַּאקוּמֶען אַלֶע סָארְט עֶסְן מִיט גוּטֶע הֶכְשֵׁרִים, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'ס. אָבֶער וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף וָואס עֶר נֶעמְט אַרַיין אִין מוֹיל, עֶר זֶעט אַז עֶס זָאל הָאבְּן אַ הֶכְשֵׁר אוּן זַיין נָאר כָּשֵׁר, אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו (עַיֵּין דֶגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם פַּרְשַׁת עֵקֶב) צוּ מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז זֵיי הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיף די אֱמוּנָה, הָאט זֵיי דֶער רַמְבַּ"ם גֶעשְׁרִיבְּן אַז דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן נִישְׁט כָּשֵׁר'עֶ עֶסְן, אוּן דָאס אִיז אַרַיין אִין זֵייעֶר בְּלוּט אוּן הָאט פַארְשְׁטָאפְּט זֵייעֶר מֹחַ פוּן די הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה. זֶעט מֶען ווִי דָאס אַלֵיין אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעבְּט אַכְטוּנְג צוּ עֶסְן נָאר כָּשֵׁר'ס, אַ זַאךְ וָואס אִיז טַאקֶע גְרִינְג צוּ טוּן, דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט אָבֶער דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז נָאךְ די בִּיטֶערֶע וֶועלְט מִלְחָמָה וֶוען די אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן דֶער מַצָּב פוּן כַּשְׁרוּת זֵייעֶר שְׁוַואךְ. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גֶעהֶערִיגֶע כָּשֵׁר'עֶ שְׁחִיטָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קַיין חָלָב יִשְׂרָאֵל. נָאר גֶעצֵיילְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם, אַזוֹי ווִי דֶער צֶעהלִימְ'עֶר רָב זי"ע וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ כָּשֵׁר'עֶ שְׁחִיטָה, אוּן אוֹיךְ אַ פַאבְּרִיק פוּן כָּשֵׁר'עֶ מִילְךְ אוּן כָּשֵׁר'עֶ מִילְכִיגֶע פְּרָאדוּקְטְן, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פִילֶע אִידְן פוּן צוּ עֶסְן טְרֵיפוֹת חַ"ו.

אִין יֶענֶע צַייט אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי'ן זי"ע אוּן גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר קֶען מֵקִיל זַיין צוּ גֶעבְּן גוֹי'אִישֶׁע פּוּטֶער פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, וַוייל אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ קֶען מֶען טְרֶעפְן גֶעווִיסֶע הֶתֵּרִים אוֹיף פּוּטֶער פוּן אַ גוֹי. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן גֶעזָאגְט: "אָבֶער אֶפְשָׁר אִיז עֶס בָּשָׂר בְּחָלָב?" דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעווָאוּנְדֶערְט אוֹיף די וֶוערְטֶער, ווִי קוּמְט אַהֶער בָּשָׂר בְּחָלָב צוּ גוֹי'אִישֶׁע פּוּטֶער? עֶר הָאט אָבֶער גֶעפָאלְגְט אוּן נִישְׁט גֶענוּצְט די פּוּטֶער. עֶס אִיז נִישְׁט

**בְּלוֹיז מִיט'ן גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵויטְן אִיד, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע צְדָקָה**

<<<<<<

>>>>>>

אַריבֶּער קַיין לַאנְגֶע צַייט און עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען גֶערֶעכְט. וַוייל דֶער פַאבְּרִיק פְלֶעגְט אַרַיינְמִישְׁן פְלֵיישִׁיגֶע בַּאשְׁטַאנְדְטֵיילְן אִין דִי פוּטֶער עֶס צוּ גֶעבְּן אַ גוּטְן טַעַם.

נָאךְ אַ קְלֵיינֶע מִצְוָה אִיז דָא וָואס יֶעדֶער קֶען מְקַיֵים זַיין, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה. בַּיי דֶעם מֵיינֶען אוֹיךְ מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוָה נָאר אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט גָאר גְרוֹיסֶע סוּמֶעס גֶעלְט פַאר צְדָקָה. און מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּפְרִידְן אוֹיךְ מִיט אַ פֶּענִי. יֶעדֶע פְּרוּטָה וָואס אַ אִיד גֶעבְּט פַאר צְדָקָה דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. און דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס גֵייט נָאךְ וַוייטֶער, מֶען קֶען טוּן דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה אֲפִילוּ אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה, בְּלוֹיז מִיטְ'ן גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל און אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע צְדָקָה. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתֻבּוֹת קי"א:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, יב) "וּלְבֶן שִׁנַּיִם מֵחָלָב", אַז עֶס אִיז חָשׁוּבְ'עֶר צוּ וַוייס מַאכְן דִי צֵיינֶער פוּן יֶענֶעם, דָאס מֵיינְט צוּ מַאכְן יֶענֶעם פְרֵיילִיךְ, מֶער פוּן וִוי צוּ גֶעבְּן יֶענֶעם צוּ טְרִינְקֶען מִילְךְ.

מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם צוּבְּרָאכְן און צוּקְלַאפְּט, זֵיי זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, זֵיי שְׁפִּירְן אַז קֵיינֶער דַארְף זֵיי נִישְׁט הָאבְּן און קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶר זַייט; און מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט אַ שְׁמֵייכְל און אַ גוּט וָוארְט פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ, קֶען מֶען יֶענֶעם מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען. יֶענֶער שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז נָאךְ יָא עֶפֶּעס וֶוערְד.

און אַמָאל אִיז דָא אַ מַצָב וָואס אַ מֶענְטְשׁ שׁוֹין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן און דֶעפְּרֶעסְט, אַז אֲפִילוּ גֶעלְט רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט צוּ אִים. קֶענְסְט אִים פַארְשְׁלַאגְן אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן אַסַאךְ גֶעלְט, עֶר דַארְף עֶס אָבֶּער נִישְׁט הָאבְּן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן. אָבֶּער אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען אוֹיךְ אוֹיפְלֶעבְּן מִיט אַ גוּט וָוארְט, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג אִין לֶעבְּן, עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל מַצְלִיחַ זַיין.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען צְוֵויי אָרִימֶעלַייט וֶועלְכֶע זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט. אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַ חָסִיד פוּן רֶבִּי נָתָן. אֵיינְמָאל הָאט דֶער צְוֵוייטֶער אָרִימַאן זִיךְ זֵייעֶר צוּקְרֶעכְצְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זַיין שְׁוֶוער לֶעבְּן. הָאט אִים דֶער חָסִיד פוּן רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר נִישְׁט. נָאךְ סוּכּוֹת בִּיזְטוּ אַרַיין צוּ דַיין רֶבִּיְ'ן, און עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט רַיינִישׁ, דוּ הָאסְט גֶעקוֹיפְט דֶערְמִיט הָאלְץ פַאר דִי ווִינְטֶער, און עֶס אִיז דִיר נָאךְ אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן נָאךְ. ווִידֶערְאוּם אִיךְ, בִּין גֶעוֶוען יוֹם טוֹב בַּיי מַיין רֶבִּיְ'ן רֶבִּי נָתָן, און עֶר קֶען מִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט וַוייל עֶר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט פַאר זִיךְ אַלֵיין. און יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז אִיךְ בִּין גָאר מֶער פְרֵיילִיךְ פוּן דִיר"... הָאט אִים דֶער צְוֵוייטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז טַאקֶע דֶער חִילוּק. מַיין רֶבִּי הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן גֶעלְט, אָבֶּער דָאס נוּצְט זִיךְ אוֹיס. דַיין רֶבִּי הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן הִתְחַזְקוּת, און דָאס נוּצְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיס"... זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען קֶען אוֹיפְטוּן מִיט אַזַא קְלֵיינִיקַייט וִוי בְּלוֹיז גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל און חִזּוּק פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

און דָאס זֶעט מֶען אוֹיךְ בַּיי דִי מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים. פַארְוָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֵיין בַּאזוּכְן אַ קְרַאנְקְן? וַוייל עֶר מֵיינְט אַז אוֹיבּ עֶר גֵייט מוּז עֶר טוּן עֶפֶּעס גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן פַאר יֶענֶעם. און עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער קְרַאנְקֶער וֶועט זִיךְ מְחַי' זַיין בְּלוֹיז וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין צוּ אִים פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט און מֶען זָאגְט אִים אַ גוּט וָוארְט.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז דִי קְלֵיינִיקַייטְן וָואס מִיר טוּעֶן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. און דַוְקָא דִי פָּשׁוּטֶע קְלֵיינֶע מִצְוֹת, דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אוּנְז מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת וָאֵרָא תשע"ה לפ"ק)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּיְ'ן (יז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אוֹיף זַיינֶע מִדּוֹת און תַּאֲווֹת, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר הֵיילִיג און אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט מִיט גְרוֹיס קְדוּשָּׁה.**

**צז**

אוֹיף תַּאֲוַת אֲכִילָה הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעאַרְבֶּעט מִיט אַסַאךְ יְגִיעוֹת און מִלְחָמוֹת. וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ, צוּ אוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ דִי תַּאֲוַת אֲכִילָה, אִיז אִים דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל וִוי גֶעזָאגְט פְרִיעֶר הָאט עֶר פַארְדֶעם נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם בִּכְלַל, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַנְדֶערֶע זַאכְן, און דֶערִיבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף תַּאֲוַת אֲכִילָה אִיז אִים דָאס אָנְגֶעקוּמֶען אוּמְגֶעהוֹיעֶר שְׁוֶוער.

אַזוֹי וַוייט אַז סְ'הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז אֲפִילוּ עֶר וֶועט קֶענֶען זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אִין אַלֶע אַנְדֶערֶע הִינְזִיכְטְן, וֶועט עֶר אָבֶּער נִישְׁט בַּאוַוייזְן זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן אִין תַּאֲוַת אֲכִילָה, מִיט דִי תַּאֲוָה וֶועט עֶר שׁוֹין מוּזְן בְּלַייבְּן פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אַזוֹי שְׁוֶוער אִיז אִים דָאס גֶעוֶוען. פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט און יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן דֶערוֹיף, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּם סוֹף זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן אוֹיךְ אִין דִי תַּאֲוָה. וִוי יֶעדֶער הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזֶען אַז עֶר פְלֶעגְט כִּמְעַט גָארְנִישְׁט עֶסְן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט צְווִינְגֶען צוּ עֶסְן קוֹים עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בַּיים לֶעבְּן.

וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף תַּאֲוַת אֲכִילָה, הָאט עֶר קוֹדֶם זִיךְ גֶעצְווִינְגֶען פַאר אַ שְׁטִיק צַייט צוּ עֶסְן וֵוייניגֶער פוּן ווִיפִיל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעווּאוֹינְט פַארְדֶעם. דֶערְנָאךְ, וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן צוּגֶעווּאוֹינְט צוּ דֶעם, און עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר שְׁפִּירְט נָאכְאַלְץ אַ תַּאֲוָה

<<<<<<

>>>>>>

ווִילְסְט אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער חִינוּךְ פַאר דִי קִינְדֶער אִיז זֵיי וַוייזְן וִוי מֶען שֶׁעצְט דִי עֶלְטֶערְן; קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְשְׁפִּילְן, קִינְדֶער וֵוייסְן אַלֶעס און כַאפְּן אַלֶעס אוֹיף. אֲפִילוּ וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ מֶער אָפְּגֶעהִיטְן וִוי דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ' טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ זֵיי מִיט חוּצְפָּה און זִלְזוּל, מֶען טָאר נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן דִי עֶלְטֶערְן וִוי אַזוֹי זֵיי פִירְן זִיךְ, נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זֵיי און פַאר אַלֶע אִידְן אַז אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן און זִיךְ פִירְן עַל דֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

אַז דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין שְׁוֶוער און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועסְטוּ וַוייטֶער זַיין שְׁטַארְק מִיט דַיין וֶועג פוּן חִינוּךְ וְכוּ' וֶועט דַיין שְׁוֶוער אַלֵיינְס הָאבְּן שֵׂכֶל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דִיר מִיט דֶעם וְכוּ', עֶר וֶועט אַלֵיינְס אוֹיפְהֶערְן וַוייזְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער קְלִיפְּס וְכַדוֹמֶה.

דוּ קֶענְסְט אִים זָאגְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ מִיט גֶעמָאסְטֶענֶע וֶוערְטֶער פַאר עֶר קוּמְט צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ, אַז דוּ בִּיסְט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן דִי כֵּלִים וְכוּ', און אַז אַזוֹי לֶערְנְט מֶען מִיט זֵיי אִין חֵדֶר און אִין סְקוּל, און אַז אוֹיבּ זֵיי זֶעעֶן דָאס בַּיי זֵיידֶע טוּט עֶס זֵיי צֶעמִישְׁן; אַז דוּ וֶועסְט אִים דָאס זָאגְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט אוֹיף אַן אוֹפָן אַז דוּ לֶערְנְסְט אִים וָואס צוּ טוּן, נָאר אַז דָאס צֶעמִישְׁט דִי קִינְדֶער, וֶועט עֶר זִיכֶער מֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִיר מִיט דֶעם.

ב) אוֹיף דַיין צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע אַז עֶר בֶּעט אִיר זָאלְט אַרַיין נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער אַז עֶר זָאל קֶענֶען רֶעדְן וְכוּ'; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, הוּנְדֶערְטֶער שְׁטִיבֶּער זֶענֶען שׁוֹין לֵיידֶער חָרוּב גֶעוָוארְן פוּן דֶעם וָואס מֶען הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער, טֶעבְּלֶעט, אֵייפַּאד, אֵייפֶּעד וְכוּ' וְכוּ'. דָאס רַייסְט אַרוֹיס יֶעדֶעס בְּרֶעקֶל יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה, עֶס אִיז גוֹרֵם אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל צֶעפַאלְן וֶוערְן, און צוּם סוֹף פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין זֵייעֶר אַ טִיפֶע אָפְּגְרוּנְט. דֶערְפַאר אִיז אָסוּר צוּ הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ סַיי וָואס פַאר אַ כְּלִי וֶועלְכֶע מֶען קֶען מְחַבֵּר זַיין צוּם אִינְטֶערְנֶעט, אָדֶער וָואס מֶען קֶען זֶען דֶערוֹיף מָאוִויס. דָאס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט פְרוּמְקֵייט, דָאס אִיז פָּשׁוּטְ'עֶ שֵׂכֶל; און דִי אַלֶע וָואס לַאכְן זִיךְ אוֹיס דֶערְפוּן, זֵיי לַאכְן אָפּ פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זָאגְן אַז מֶען זָאל דָאס נִישְׁט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ, דִי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיינְס און זֵיי וֶועלְן בַּאצָאלְן אַ טֵייעֶרְן פְּרֵייז ה' יְרַחֵם.

ג) אוֹיף דַיין דְרִיטֶע פְרַאגֶע; דוּ שְׁרַייבְּסְט נִישְׁט פַארְוָואס מֶען קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין קִידוּשׁ פוּן אִים וְכוּ'. דוּ קֶענְסְט נוּצְן פַאר קִידוּשׁ מָאסְט וְכַדוֹמֶה לָזֶה, וָואס הָאט נִישְׁט דִי אַלֶע שְׁאֵלוֹת, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם מַאכְן אַ פֵּירוּד לְבָבוֹת צְווִישְׁן אִירֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן און דַיין ווַייבְ'ס עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

(גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' וָאֵרָא תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers


**די איבריגע פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**



>>>>>>

אִין דָאס עֶסְן, הָאט עֶר נָאכְאַמָאל צֶעבְּרָאכְן דִי תַּאֲוָה אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן נָאךְ וֶויינִיגֶער, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, עֶר הָאט אַלְץ אַרָאפְּגֶענוּמֶען נָאךְ אוּן נָאךְ, גֶעגֶעסְן וֶויינִיגֶער אוּן וֶויינִיגֶער, בִּיז צוּם סוֹף הָאט עֶר שׁוֹין מַמָשׁ גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן, נָאר קוֹים עֶפֶּעס צוּ קֶענֶען לֶעבְּן. אוּן דֶערְנָאךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז אֲפִילוּ אוֹיף דִי קְלֵיין בִּיסְל הָאט עֶר נָאךְ אוֹיךְ אַ תַּאֲוָה, הָאט עֶר צֶעבְּרָאכְן דִי תַּאֲוָה אוֹיךְ בַּיי דֶעם, בִּיז עֶר הָאט אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ דִי תַּאֲוַת אֲכִילָה.

וִוי מְ'הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר שׁוֹין נָאכְדֶעם בִּכְלַל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין תַּאֲוַת אֲכִילָה, אוּן דַאן הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהַאט דֶעם כֹּחַ צוּ עֶסְן אֲפִילוּ אַסַאךְ עֶסְן מִיט קְדוּשָׁה, אָן קַיין שׁוּם תַּאֲוָה. אַזוֹי וִוי אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק אָפְּגֶעוואוֹינְט פוּן עֶסְן, הָאט עֶר שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶסְן גֶעהֶערִיג בִּכְלַל.

צח

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר קוֹדֶם עֶסְן זַייעֶר אַסַאךְ, "אִיךְ פְּלֶעג עֶסְן מַמָשׁ גוּזְמוֹת, יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעסְן פַאר פְרִישְׁטָאג נַיין גְרוֹיסֶע בֵּייגְל, אוּן דִי זֶעלְבֶּע צָאל פְלֶעג אִיךְ עֶסְן בַּיי מִיטָאג, אוּן דֶערְנָאךְ אוֹיךְ בַּיינַאכְט", אוֹיסֶער דִי פִילֶע אַנְדֶערֶע מַאֲכָלִים וָואס עֶר פְלֶעגְט עֶסְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר פְלֶעגְט דֶעמָאלְט הָאבְּן גְרוֹיסֶע יִסוּרִים פוּן דֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט לִיגְן אִין תַּאֲוַת אֲכִילָה, אָבֶער וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן וֶויינִיגֶער הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶר הָאט אַ תַּאֲוָה אוֹיךְ צוּ דִי וֶויינִיג עֶסְן, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן, "פַארְוָואס זָאל אִיךְ פַּיינִיגְן מַיין גוּף פַאר אוּמְזִיסְט? אִיךְ זֶע דָאךְ סַיי וִוי אַז אִיךְ עֶס דָאס עֶסְן מִיט אַזַא תַּאֲוָה, וֶועט דָאךְ שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְמַאכְן צִי אִיךְ עֶס אַסַאךְ אָדֶער וֶויינִיג", אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר דֶעמָאלְט צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶסְן אַסַאךְ, עֶר הָאט גֶעלָאזְט זַיין תַּאֲוָה בַּיים עֶסְן, אוּן אִין יֶענֶע צַייט הָאט עֶר גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף אַנְדֶערֶע זַאכְן, וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט.

אֵיינְמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעסְן בַּיי זַיין שְׁוֶוער בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, סְ'אִיז גֶעוֶוען טוּנְקְל אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶר אִיז גֶעזֶעסְן בַּיי אַ ווִינְקְל, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ זִיצְן פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן טוּן זַיינֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט צוּ טוּן. אִיז עֶר גֶעזֶעסְן דָארְט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זֶען דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דִי אָבוֹת, וֶועט עֶר אוֹיךְ אַוֶועקְוַוארְפְן דִי תַּאֲוַת אֲכִילָה, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעבֶּעטְן, עֶר הָאט גֶעטוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אַרַיינְגֶעטוּן אִין דֶעם בִּיז עֶר הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט.

אִיז אִים גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים י"א, ט"ו) "וְנָתַתִּי עֵשֶׂב בְּשָׂדְךָ לִבְהֶמְתֶּךָ", אוּן דַאן הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן עֶר זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט וִוי עֶס קוּמְט יֶעצְט אַהֶער דֶער פָּסוּק. אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַז סְ'שְׁטֵייט דָאךְ אִין תִּקוּנֵי זֹהַר (ס"ב:) אַז "עֵשֶׂב" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "עַב שׁ", "עַב" אִיז "בַּת עַיִן", אוּן "שׁ" אִיז דִי דְרֵיי אָבוֹת (שָׁם ס"ז.) אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר גֶעטַייטְשְׁט אַז אוֹיבּ ווִיל מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ "עֵשֶׂב" - צוּ זֶען דִי דְרֵיי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים, קֶען דָאס נִישְׁט זַיין נָאר אוֹיבּ מְ'טוּט דֶעם "בְּשָׂדְךָ לִבְהֶמְתֶּךָ" צוּ אַוֶועקְוַוארְפְן דִי בְּהֶמִיּוּת, דָאס מֵיינְט אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דִי תַּאֲוַת אֲכִילָה. אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן אוֹיף תַּאֲוַת אֲכִילָה, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אִינְגַאנְצְן זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אִין דֶעם. [זֶע אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ"ז, וִוי עֶס וֶוערְט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דֶער עִנְיָן, אַז אוֹיבּ מְ'עֶסְט בִּקְדוּשָׁה, שַׁיינְט בַּיים מֶענְטְשׁ דֶער אוֹר פוּן זְכוּת אָבוֹת].

אַגַב; רֶבִּי נִיסְן קָאוְולֶער זַ"ל, פוּן דִי גְרוֹיסֶע מְקוּרָבִים בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע, הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי"ע, אַז אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיי זַיין רֶבִּי'ן אוּן גֶעזֶען אַז עֶר אִיז טְרוֹיעֶרִיג, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר אִיז צוּגֶעלֵייגְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶען זַיין זֵיידְן, דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר גֵייט צוּ זַיין קֶבֶר טְרֶעפְט עֶר אִים נִישְׁט דָארְט. אוּן יֶעצְט הָאט עֶר אִים עֶנְדְלִיךְ גֶעזֶען, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר זֶעט אִים שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי לַאנְג, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַארְקְלִיבְּן צוּ רֶבִּי נַחְמָנְ'עֶן".

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## חיזוק צוזאמקום פאר די פרויען פון אנ"ש

די וואך מיטוואך זענען זיך צוזאמגעקומען די חשובע פרויען פון אנשי שלומינו צו די "חיזוק צוזאמקום", זיך צו שטארקן אינאיינעם, און נאכאמאל איבער'חזר'ן די לימודים און עצות פון הייליגן רבי'ן.

ביים צוזאמקום איז אויפגעשפילט געווארן א דרשה פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס איז אפגעכאפט געווארן עטליכע טאג פריער פאר דעם צוועק. ביי די דרשה האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט ווי אזוי א מענטש קען זיך האלטן פרייליך. יעדער מענטש גייט דורך שוועריקייטן אין זיין לעבן, יעדער מוטשעט זיך מיט עפעס אנדערש, און די גרויסקייט פון א איד מעסט זיך ווי ווייט ער קען זיך האלטן שטארק און פרייליך טראץ די אלע שוועריקייטן. די בחירה ליגט ביים מענטש אין די הענט ווי אזוי אנצונעמען דאס לעבן וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן, אויב האט ער א שטארקע אמונה, ער ווייסט און גלייבט אז דער אייבערשטער פירט אלעס נאר צום גוטן, האלט ער זיך פרייליך אלעמאל.

אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א גערעדט אסאך פון די כח התפלה פון א אידישע פרוי, און עצות מיט חיזוק אויף חינוך און אויף שלום בית, און נאך פילע אינטערעסאנטע ענינים.

די צוזאמקום איז געקרוינט געווארן מיט גרויס סוקסעס, די פרויען האבן זייער הנאה געהאט, און זענען אהיימגעגאנגען אויפגעפרישט מיט אמונה, און מיט חיזוק אנצוגיין ווייטער מיט די הייליגע ארבעט פון א אידישע מאמע.

די דרשה קען מען הערן אויף די פרויען טעלעפאן ליין, "קוואל פון חיזוק", אויפ'ן נומער 212-444-9169. דער טעלעפאן ליין איז שוין היינט זייער פארשפרייט צווישן אידישע פרויען. טויזנטער פרויען רופן אריין טעגליך און שעפן פון דארט פיל חיזוק און עצות אין לעבן, געבויעט אויף די ווערטער פון הייליגן רבי'ן. אויפ'ן ליין קען מען הערן שיינע דרשות און שמועסן, פערזענליכע מעשיות פון תפלה ווי אזוי פרויען און מיידלעך זענען געהאלפן געווארן דורכ'ן בעטן דעם אייבערשטן, ווי אויך קען מען דארט הערן שאלות ותשובות, רעסעפיס און טיפס, און נאך פארשידענע אינטערעסאנטע זאכן.

מנשים באוהל תבורך!


## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר די חשובע

**מרת ניימאנן (פראממער) שתחי'**

**צו די געבורט פון אן אור-אייניקל למזל טוב**

מיר זענען אייך שולדיג א גרויסע הכרת הטוב פאר די פילע לייסטונגען וואס איר העלפט כסדר ארויס אונזערע הייליגע מוסדות, פאר די פילע מסירות נפש מיט וואס איר געבט זיך אוועק ארויסצוהעלפן די מוסדות צו יעדע צייט. זאל דער אייבערשטער העלפן אז דער געוואלדיגער זכות זאל אייך ביישטיין צו זען פיל אידיש נחת פון אלע קינדער, אייניקלעך, און אור-אייניקלעך, לאורך ימים ושנים טובות.

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **הערשי** כ"ץ הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, בני חיי ומזוני רויחי, מיט דורות ישרים ומבורכים

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

**אשר בנחל**

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך > 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361**

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הגליון נתנדב לזכות מרדכי בן רות, להצלחה בכל העניינים